# וכל מאמינים

**א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים**

פרשת ויקרא, פורים תשפ"ד שנה י | גליון מס' 526

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## בהמות פון 'גזל' מעג מען נישט מקריב זיין אויפ'ן מזבח

**"דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן לַה' מִן הַבְּהֵמָה מִן הַבָּקָר וּמִן הַצֹּאן תַּקְרִיבוּ אֶת קָרְבַּנְכֶם" (א ב)**

אין די וואכענדיגע סדרה ווען עס הייבט זיך אן די פסוקים איבער די קרבנות. מען זעט אז ווען די תורה רעדט פון קרבנות רופט אן דער דער מענטש מיט'ן תואר "אדם" און נישט מיט'ן תואר "איש". פון דעם נאמען דרשנ'ען חכמים (ויק"ר ב ז, און עס ווערט דא אראפגעברענגט אין רש"י): "יהא קרבנך דומה לקרבנו של אדם הראשון; מה אדם הראשון שהיה הכול ברשותו, לא הקריב לא מן הגזלות ולא מן החמסים, אף אתה... אל תקריב לא מן הגזלות ולא מן החמסים" - אז מען זאל נישט נעמען פון גזל.

ולכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס פעלט זיך אויס אן עקסטערע לימוד אויף דעם? עס איז דאך א בפירוש'ע פסוק אין ישעיה (סא ח): "כִּי אֲנִי ה' אֹהֵב מִשְׁפָּט שֹׂנֵא גָזֵל בְּעוֹלָה"?

נאר דער **'חפץ חיים'** געט צו פארשטיין:

אז דער מיעוט פון "אדם" דא איז נישט צו פסל'נען א גע'גזלטע בהמה ממש, ווייל דאס איז פשוט און מען קען עס ארויסלערנען פון די אויבנדערמאנטע פסוק, עס איז נאר דא אויסצושליסן אזעלכע סארט פעלער ווען א איד באקומט פון איינעם א בהמה ווייל יענער איז זיך טועה אין אים, ווי אז יענער מיינט אז ער איז א תלמיד חכם און ער וויל אים מהנה זיין אלץ א תלמיד חכם, אבער באמת פארדינט ער זיך נישט דעם טיטול, ווייל די בחינה איז דאך זיכער נישט געווען ביי אדם הראשון, ווייל ביי אים איז דאך נישט געווען אזא זאך.

מיט דעם געדאנק געט דער חפץ חיים צו פארשטיין וואס מען זאגט ביי ברכת המזון:"ונא אל תצריכנו... לא לידי מתנת בשר ודם... שלא נבוש ולא נכלם לעולם ועד"; אז דער "לעולם ועד" גייט ארויף אויף עולם הבא (ראה רד"ק תהילים קיט מד).

לכאורה איז שווער אז מילא אויף די וועלט קען מען פארשטיין אז מען שעמט זיך ווען מען באקומט א מתנת בשר ודם אבער אויף יענע וועלט וואס איז דא זיך צו שעמען ווען מען באקומט א מתנת בשר ודם? אבער לויט ווי געשמועסט פארשטייט מען עס גוט, מען רעדט פון אזא מתנה וואס מען געט אים ווייל מען האט זיך טועה געווען אין אים, אזא מתנה קען גורם זיין פאר א איד א בושה אויך אויף יענע וועלט.

'לב אליהו' - בראשית עמ' ריא

## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## א שלימות'דיגע הצלה בזכות פון פורים

אין דעם פרייליכן און הייליגן טאג פורים פראוועט כלל ישראל דער גרויסער נס וואס כלל ישראל געהאט קעגן המן הרשע. דער רשע האט געמאכט גרויסע פלענער אומצוברענגען אלע אידן פון קליין ביז גרויס, טף ונשים ביום אחד, אבער ענדע האט זיך די גזירה איבערגעדרייט אויף אים, די אידן זענען געווארן ניצול פון המן און ער מיט זיינע קינדער האט מען געהאנגען אין די גאסן פון שושן הבירה און קיין איין איד האט נישט געליטן פון די גזירה.

איך האב אינזינען געהאט אז עס קען זיין אז די נס האט פאסירט אין די כח פון 'אמן'. מיר ווייסן אז די נס האט פאסירט דורך אסתר המלכה און מרדכי היהודי און ביי די  צוויי טרעפט מען אז זיי זענען געווען זייער נזהר אין ענטפערן און ווי מיר האבן שוין אראפגעברענגט בשם דער שבט מוסר פון דער (אסתר ב ז): "ויהי אֹמֵן את הדסה היא אסתר" אז וועגן דעם שטייט דער ווארט 'אומן' חסר ווייל עס קומט מרמז זיין אז מרדכי הצדיק האט מחנך געווען אסתר צו ענטפערן אמן ('מנחת אליהו' פרק לב).

נאך א רמז איבער די געבינדענדקייט פון מרדכי ואסתר צו אמן איז די ראשי תיבות פון אמ"ן. די ראשי תיבות פון אמ"ן איז די ווערטער: נס מרדכי אסתר, ווי איינער פון די אידן האבן געשריבן אין א בריוו וואס איז אנגעקומען דא צו די מערכת.

מען קען צולייגן אז מהאי טעמא דערמאנט מען אין די יוצרות פון פרשת זכור די כח פון עניית אמן מיט'ן זאגן די ווערטער: "לשוערים ולשומרים ממונים, כל היום וכל הלילה מזומנים, **להזכיר קדושת נוצר אמונים, להעריץ זכירת גוי שומר אמונים**, ובשם ישראל מתכנים", ווייל ווי מיר האבן גערעדט ביז אהער גייען ביידע זאכן אינאיינעם, אז איינס האט געברענגט די אנדערע.

און די זעלבע זאך וואס עס האט זיך אפגעשפילט ביי מלחמת המן איז געווען ביי די מלחמה מיט מדין. אויך דארט האט כלל ישראל געהאט א שלימות'דיגער ניצחון און ווי די געווינער האבן עדות געזאגט פאר משה רבינו (במדבר לא מט): "ולא נפקד ממנו איש און אויך דארט, ווען מען קוקט אריין אין די ווארט 'ולא נפקד ממנו איש' זעט מען אז די ראשי תיבות פון איר איז אמן.

עס קען זיין אז עס איז דא דערביי די בחינה פון "מידה כנגד מידה", ווייל מיר ווייסן אז א שלימות'דיגע ברכה איז א ברכה וואס מען האט גענטפערט אויף איר אמן און נאר ווען מען ענטפערט אויף איר אמן איז מען זוכה אז די ברכה איז בשלימות און אז די ברכה איז בשלימות איז די הצלה בשלימות.

כלל ישראל האט איבערגעלעבט המן אבער זי איז נאך אלץ ווי א שעפעלע צווישן זיבעציג וועלף, זי איז אין א שטענדיגע סכנה. מען זעט עס אייביג אבער נאך מער אין די לעצטע צייט און אויך היינטיגע צייטן איז די איינציגסטע עצה צוגיין אין די אמאליגע וועגן און זיכערמאכן אז אלע אונזערע ברכות זענען בשלימות און אזוי ארום וועלן מיר זוכה זיין צו א ישועה בשלימות, אז די ישועה זאל קומען אבער עס זאל זיין אין די בחינה פון 'ולא נפקד ממנו איש', אז קיין אידיש נפש זאל נישט פעלן, אמן ואמן.

**מיט א תפלה אויף "ולא נפקד ממנו איש"**

**שבת שלום**

יעקב דוד מארמארשטיין

# — די מלאכי אמן — האבן ממליץ טוב געווען —

די וואך פאלט דאך דער יארצייט טאג פון דער גרויסער פוסק רבי משה פיינשטיין זצ"ל. לרגל די יארצייט ווען מיר דא אראפברענגען א וואונדערליכע געשיכטע וואס האט צו טון מיט 'אמן' און ווי אזוי נאר אדאנק די אמן איז ניצול געווארן צוויי נפשות, איינס ברוחניות און איינס בגשמיות.

די מעשה דעקט אויף אביסל פון דער אויסטערלישער חשיבות וואס דער דערמאנטער גאון האט געהאט פאר אן אמן און אז ער האט זוכה געווען צו לעבן צ"א שנה כמנין אמן.

די מעשה איז מיט אן אידישער דאקטאר אין איינס פון די בעסטע שפיטעלער אין מאנהעטן. דער דאקטאר איז געווען ברייט בארימט אלץ אן אויסטערלישער גוטער דאקטאר, איבעראל האט מען רעקעמאנדירט אויף אים, וויסנדיג אז ער איז נומער איינס אין זיין געביט.

מיט אזא גוטע רעפוטאציע איז נישט קיין וואונדער אז מען איז געשטאנען אין די רייע צו קענען אנקומען צו אים, צו ווערן אפערירט דורך אים.

אבער, טראץ וואס ער איז געווען אזא גוטער דאקטאר האט ער זיך נישט געהאלטן גרויס העכער אנדערע, נאר יעדן איינעם האט ער באהאנדלט מיט רעספעקט.


די 'מתיבתא תפארת ירושלים' אין ניו יארק

אין א טאג האט פאסירט אן אינטערעסאנטער זאך, דער דאקטאר איז געווארן א בעל תשובה, ער איז געווארן א פרומער איד און איז אפילו אין די שפעטערע יארן ארויף קיין ארץ ישראל און זיך באזעצט אין איר.

אסאך שפעקולאציעס איז ארום איבער וואס האט צוגעברענגט אז אזא געערטער דאקטאר זאל איין טאג אפלאזן אלעס און ווערן א בעל תשובה. עס איז געווען אזאנע וואס האבן עס אנגעלייגט אויף זיין ארבעט זאגנדיג אז א איד וואס דריידט זיך אזויפיל יארן ארום מיט קראנקע און זעט דער אפענער יד ה' האט עס אים צוגעברענגט צו תשובה, אבער די אמת'ע סיבה האט קיין איינער נישט געוואוסט, ביז ווען אין איין טאג האט דער דאקטאר זיך געעפנט און מיטגעטיילט מיט אלעמען די סיבה וואס האט אים צוגעברענגט צו באגיין אזא שריט.

ומעשה שהיה כך היה:

"מיט יארן צוריק איז צו מיר אין די קליניק אריינגעקומען א איד וואס איז געווען זייער קראנק. דער איד האט שטארק געליטן און נאך א ברייטע אונטערזוכונג האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער איד איז זייער קראנק און אפילו אויב כ'וועל אים אפערירן וועט ער נישט קענען לעבן מער ווי א האלבער יאר.

עס איז נישט געווען א גרינגע אפעראציע, עס איז אויך געווען פארבינדן מיט אסאך קאמפליקאציעס און עס האט געקאסט אסאך געלט און איך האב זיך זייער געצווייפלט צי עס לוינט די מיה און די אנשטרענגונג פאר אזא זאך.

ווען איך האב פארגעלייגט די שאלה פאר'ן איד האט ער געזאגט אז ער האט נישט די כח מכריע צו זיין אזא שאלה, ער וויל אריבערגיין צום שטוב פון דער גרויסער גאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל און בעטן אז ער זאל מכריע זיין אויף די שאלה.

הערנדיג וואס ער גייט טון האב איך באשלאסן אז איך וועל מיטגיין און אראפלייגן פאר'ן רב די גאנצע קעיס מיט אלע זייטן. שוין א לאנגער צייט האב איך געוואלט זען דעם גרויסן דמות און אז עס איז אונטערגעקומען אזא געלעגנהייט, האב איך געוואלט זיין דערביי.

ווען מיר זענען אנגעקומען צו די שטוב פון דעם רב איז דער שטוב געווען איבערגעפולט מיט מענשטן, אלע האבן געווארט אריינצוגיין. וויסנדיג ווי קריטיש די זאך איז האט מען אונז אריינגעלאזט די ערשטע און מיר האבן אראפגעלייגט די שאלה. ווען איך האב געשילדערט פאר'ן רב די מצב פון דעם איד, ווי ביטער עס איז, האט ער געוויינט מיט טרערן אויף די שיקזאל פון דעם איד.

נאך א לענגערע צייט פון אויסהערן ביידע זייטן האט דער רב געזאגט אז עס איז א שווערע שאלה, ער דארף עס איבערטראכטן און געבעטן פון אונז אז מיר זאלן צוריקקומען מארגן.

צומארגענס זענען מיר דא געווען און דער רב האט גע'פסק'נט מיט א שטארקקייט אז מען דארף מאכן די אפעראציע!

ער האט זיך אויסגעדריידט צו זיין תלמיד און אים געזאגט אז ער וועט זיך משתדל זיין און דאווענען פאר אים אז די אפעראציע זאל מצליח זיין, אז ער זאל זוכה זיין צו אריכות ימים בטוב ובנעימים.

ווען איך האב דאס געהערט בין איך געבליבן שטיין פארוואונדעט. איך האב געזען אז דער רב האט גענומען די שאלה זייער ערנסט און געהייסן אז מען זאלווארטן א טאג, איך בין געווען נייגעריג צו פארשטיין וואס האט אים צוגעברענגט צו טוישן זיין מיינונג.

זעענדיג מיין וואונדער האט זיך דער רב אויסגעדריידט אין מיין ריכטונג און מיר ערקלערט: לויט דיר, וועט די אפעראציע צולייגן פאר אים זעקס חדשים צו לעבן. אין די זעקס חדשים וועט ער דאך זוכה זיין צו קענען ענטפערן אסאך אמנ'ס, פון יעדער אמן וואס ער ענטפערט ווערט באשאפן א מליץ יושר און מיט אזויפיל מליצי יושר בין איך זיכער אז יעדער איינער פון זיי וועט ארויפגיין אויבן און ממליץ טוב זיין אויף אים און פון דעם אליין וועט ער זוכה זיין צו לעבן לענגער!

די ווערטער זענען ארויס פון דעם רב מיט א מורא'דיגע שטארקקייט. ער האט עס געזאגט מיט אן איבערגעצייגטקייט אז איך בין אויך געווארן איבערגענומען פון דעם. איך האב פארשטאנען פון זיינע ווערטער אז עס איז דא א קליינע זאך וואס מען זאגט און דאס איז גורם אז דער מענטש זאל ווערן ארומגענומען מיט אסאך מלאכי השרת, איך האב געטראכט צו מיר, פארוואס זאל איך נישט טון די זעלבע זאך, איך וועל אנהייבן זאגן אמן און אויך זוכה זיין אז גוטע מלאכים זאלן זאגן אויף מיר א גוט ווארט.

"מיין לעבן האט זיך געטוישט צוליב דער איינצעלער ווארט". האט דער דאקטאר אויסגעפירט.

פון דעמאלטס האב איך אנגעהויבן זאגן אמנ'ס און באשאפן פאר מיר הונדערטע מלאכי השרת וועלכע האבן מיר באגלייט אויף אגאנץ לעבן, די אמנ'ס האבן משפיע געווען אויף מיר און איך בין געווארן א בעל תשובה.

איך האב אויך געמאכט די אפעראציע פאר דער איד, אדאנק דעם האט ער געלעבט אסאך יארן ווייל די מליצי יושר פון די אמנ'ס האבן מגין געווען אויף אים, ער זאל קענען אויסלעבן די יארן פריש און געזונט.

'דרכי משה' פרשת כי תבא

## — מפסיק זיין וועגן דברים שבקדושה —

### צווישן "ישתבח" ל"יוצר"

**נאך דעם וואס מען זאגט די ברכה פון "ישתבח" ביז צו די ברכה פון "יוצר" מעג מען ענטפערן אמן אויף די הוספות פון קדיש, דהיינו אויף די בקשת וואס מען זאגן פון "תתקבל" און ווייטער[1]. אזוי אויך מעג מען ענטפערן "ברוך הוא וברוך שמו"[2]. אבער פון "קדיש" ביז "ברכו" מעג מען נאר ענטפערן אויף אן אמן וואס ווערט גענטפערט נאך אן אמן וואס ווערט געזאגט נאך א ברכה און אן אמן וואס מען זאגט אויף די עיקר פון קדיש, עס האט די זעלבע דין ווי "בין הפרקים" פון ברכות קריאת שמע[3].**

1. פון די פוסקים זעט מען (ראה 'שלחן ערוך' ורמ"א נד ג, ו'משנה ברורה' שם יא) אז מפסיק זיין צווישן די ברכה פון "ישתבח" צו די ברכה פון "יוצר" איז גרינגער ווי מפסיק זיין אינמיטן פסוקי דזמרה. וועגן דעם יעדער מצוה וואס מען קען מפסיד זיין, אויב מען איז נישט מקיים יעצט, מעג מען לכתחילה מקיים זיין צווישן די ברכות פון "ישתבח" ביז "יוצר", אפילו אויב די זעלבע זאך מעג מען נישט טון אינמיטן פסוקי דזמרה. ('הלכות יום ביום' תפילה ח"ב, פרק ב הלכה כח; 'הלכה סדורה' ח"א עמ' פב הערה טז).

2. דער בוטשאטער רב אין זיין ספר 'אשל אברהם' (בוטשאטש, סו א, ובמהדו"ת סי' נז); און אין שו"ת 'לחם שלמה' (סי' לו). אין ספר 'הלכה סדורה' (שם הערה ה) איז ער אזוי מדייק פון דער לשון פון דעם 'דרך החיים' (דיני פסוקי דזמרה הלכה ד) וואס ער שרייבט ווי פאלגענד: "ברוך הוא וברוך שמו אסור לענות באמצע פסוקי דזמרה" און ווייל ער דרוקט דער 'פסוקי דזמרה' איז משמע אז צווישן "ישתבח און "יוצר" מעג מען יא ענטפערן. אן ענליכער דיוק איז אויך דא אין לשון פון דער 'קיצור שלחן ערוך' (יד א) וואס שרייבט: "וברוך הוא וברוך שמו לא יאמר תוך פסוקי דזמרה". די זעלבע זאך איז אין שו"ת 'יביע אומר' (ח"ב סי' יד אות יד). אויך דער 'תהלה לדוד' (סי' קכד אות ד) האלט אזוי אבער ער ברענגט אראפ אז לויט דער שלחן ערוך הרב (קכד ח) זעט זיך אויס אז מען איז נישט מפסיק צו ענטפערן "ברוך הוא וברוך שמו" און לדעתו זאל מען נישט מפסיק זיין פאר דעם צווישן "ישתבח" און "יוצר".

דער 'אגרות משה' (או"ח ח"ב סי' טז) שרייבט אז אפילו אז מען זאגט אז ביי בפסוקי דזמרה זאל מען נישט ענטפערן "בריך הוא" פון קדיש אבער צווישן "ישתבח און "יוצר" מעג מען יא ענטפערן און זעה דארט לויט זיינע ווערטער אז "ברוך הוא וברוך שמו" איז בעסער ווי "בריך הוא".

לויט דעם קומט אויס אז "ברוך הוא וברוך שמו" צווישן "ישתבח" און "יוצר" קען מען זיכער זאגן.

3. דער 'דרכי משה' (נד ב) איז דן לגבי ווער עס מוז מפסיק לדבר מצווה פאר ברכת "יוצר" וואו איז גוט מפסיק צו זיין צי צווישן פסוקי דזמרה און קדיש, אדער צווישן קדיש און "ברכו". אנהייב פון זיינע ווערטער ברענגט ער אראפ די ווערטער פון דעם 'כלבו' (סי' ו) אז דער קדיש וואס מען זאגט נאך "ישתבח", איז שייך צו פסוקי דזמרה, לויט דעם קומט אויס אז עס איז בעסער אז מען זאל מפסיק זיין נאך קדיש, פאר "ברכו" ווייל אזוי ארום איז מען מסמיך די קדיש צו די פסוקי דזמרה, אבער בהמשך ברענגט ער אראפ די ווערטער פון דעם 'אור זרוע' (הלכות קריאת שמע סי' נב) בשם תשובות הגאונים אז עס בעסער צווישן "ישתבח" לקדיש און די ווערטער פון ספר 'מערכת אלהות' אז על פי סתרי הקבלה" זאל מען נישט מפסיק זיין צווישן קדיש און "ברכו" ווייל פון זיינע ווערטער זעט אויס אז די קדיש איז א פתיחה פאר "ברכו" און נישט א סיום אויף פסוקי דזמרה ווי געשריבן אויבן. פון דעם זאגט דער רמ"א אין זיינע הגהותיו צום 'שלחן ערוך' (שם ג) אז צווישן קדיש און "ברכו" איז הארבער ווי "ישתבח" צו קדיש.




## ונהפוך הוא

**"העונה אמן בכל כוחו קורעין לו גזר דין של שבעים שנה"**

(תיקו"ז מ א).

אמן איז די ראשי תיבות פון "אנה מלטה נפשי" ווייל דורך וואס מען עטפערט אמן ווערט מען גערעטעוועט פון אלע גזירות רעות ('שארית מנחם' תהילים קטז ד).




## אגרות אמונים

### א בריוו פון א געטרייער ליינער

צו די חשובע מערכת פון 'וכל מאמינים'

שטייענדיג פאר פורים איז וויכטיג צו דערמאנען די פייערדיגע ווערטער פון דעם קב הישר (פרק צט) וועלכע איז זיך מתייחס צו די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן אויף די ברכה פון די מגילה. אין זיינע ווערטער איז ער מאריך און שמועסט אויס אז מיט'ן ענטפערן דעם אמן איז א איד זוכה און איז מקבל דורך דעם גרויסע השפעות.

עס איז כדאי ארייצוקוקן אינעווייניג און זען זיינע הייליגע ווערטער אינעווייניג, בפרט אז זיין יארצייט פאלט אויס אין די טעג, ט"ו אדר ב' - פורים דמוקפים.

איך האב געטראכט אז עס קען זיין בדרך רמז א רמז צו זיינע ווערטער פון די מגילה אליין. מיר ווייסן אז איידער די מגילה מאכט מען דריי ברכות, די ברכות: "שהחיינו"; "שעשה ניסים" און "על מקרא מגילה". נאך די מגילה מאכט מען די ברכה פון: "הרב את ריבנו". נאך אלע ברכות קומט צוגיין אן אמן, עס קומט אויס אז עס איז דא פיר אמנ'ס.

ווען מען קוקט אריין אין די מגילה זעט מען אז אז עס איז דא א רמז צו די פיר מאל אמן. די ערשטע רמז איז אז אין די פסוק (אסתר ט כח): "וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים וזכרם לא יסוף מזרעם". און די גימטריא פון די ווערטער : א. "לא יעברו מתוך היהודים וזכרם"; ב. "יעברו מתוך היהודים וזכרם לא"; ג. "מתוך היהודים וזכרם לא יסוף"; ד. "היהודים וזכרם לא יסוף מזרעם" - באטרעפט כמנין פון "אמן".

זאל הקב"ה ענק געבן אז חפץ ה' בידכם יצליח, איר זאלט ממשיך זיין מגדיל צו זיין תורה און צו פארשפרייטן די מעלה פון עניית אמן בכל רחבי תבל, ומכם ילמדו וכן יעשו.

**ברוך מיללער - טאראנטא - קאנאדא**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102 אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com



דער בעל 'אגרות משה' זצ"ל

# דער בעל 'אגרות משה'

## י"ג אדר תשמ"ו

דער גאון וצדיק רבי משה פיינשטיין זצ"ל איז געבוירן געווארן אין יאר תרנ"ה אין די שטאט אוזדא אין רוסלאנד צו זיין חשובער טאטע רבי דוד פיינשטיין זצ"ל וועלכע האט געדינט אלץ רב פון די שטאט.

ער איז געבוירן ז' אדר אין דער יארצייט טאג פון משה רבינו און וועגן דעם האט מען אים א נאמען געגעבן משה על שם משה רבינו.

אין די יונגע יארן האט ער געלערנט תורה פון זיין טאטע. ווען ער איז אלט געווארן צוועלעף יאר און זיין טאטע האט זיך אריבערגעצויגן צו די שטאט סטראווין צו ווערן דארט דער רב פון די שטאט, איז ער געפארן לערנען תורה אין די שטאט סלוצק.

אין די סלוצקער ישיבה האט ער געלערנט תורה פון דער גאון רבי פסח פרומקין און פון דער ראש הישיבה רבי איסר זלמן מעלצער זצ"ל. שוין אין יענע יארן איז זיין נאמען ארויס אין די גאס אלץ אן אויסטערלישער למדן און א בקי מופלג בש"ס ובפוסקים און מיט זיין התמדה.

אין די עלטער פון צוואנציג יאר האט ער זיך צוריקגעקערט צו זיין היימשטאט אוזדא און דארט אנגענומען די רבנות פאסטן. פון דארט איז ער אריבער צו דינען ברבנות אין די שטאט לובאן.

אין די יאר תרצ"ז ווען די רדיפות קעגן די אידן אין רוסלאנד האט זיך פארשטערקערט האט ר' משה פארלאזט רוסלאנד און זיך אריבערגעצויגן קיין ניו יארק. גלייך נאכ'ן אנקומען קיין ניו יארק, האט ער אנגעהויבן איבערגעבן שיעורים אין די מתיבתא פון 'תפארת ירושלים' אין די איסט סייד אין מאנהעטן. ביי די שיעורים זענען געזעסן אסאך תלמידים, אבער זיין עיקר באקאנטקייט האט ער קונה געווען מיט זיין כח ההלכה, מיט די פסקים וואס ער האט ארויסגעגעבן און די תשובה'ס וואס ער האט געשריבן וועלכע זענען שפעטער געדרוקט געווארן אין די בארימטע תשובה בענדער מיט'ן נאמען 'אגרות משה'.

אויך זיינע שיעורים און חידושי תורה איז געדרוקט געווארן אין די ספרים 'דברות משה'.

אין די עלטערע יארן האט ער געליטן פון אסאך שוועריגקייטן און קרענק, מיט דעם אלעם האט ער זיך אנגעשטרענגט אנצוגיין מיט זיין סדר היום ביז צום לעצטן טאג. אין דעם טאג ליל י"ג אדר תשמ"ו, אין די צום פון תענית אסתר, איז ער נסתלק געווארן לשמי רום, אין די עלטער פון 91 יאר. צענדליגע טויזנטער אידן האבן אים באגלייט למנוחות עולמים אין אמעריקע און שפעטער אין ירושלים עיה"ק, וואו ער ליגט אין הר המנוחות אין ירושלים.

## 'אמן' אויף אן אומלאגישע ברכה

אין די לעצטע יארן פון זיין לעבן האט זיך דער גאון אמאל באטייליגט ביי א שמחת ברית פון זיינע אייניקלעך. ביי די ברית האט אים א איד אנגעווינטשן ער זאל זוכה זיין צו טאנצן ביי די חתונה פון דעם אייניקל. הערנדיג די ברכה האט ער מיט טרערן אין די אויגן געענטפערט אמן זאגנדיג אז טראץ וואס עס איז כמעט נישט מעגליך בדרך הטבע אז די ברכה זאל מקויים ווערן האב איך געענטפערט אויף איר אמן, ווייל מיר טרעפן (בראשית יח טו) דאך אז מען האט געהאט א טענה פון הימל אויף שרה אמנו, אז זי האט געלאכט ווען די מלאך האט איר אנגעווינטשן אז זי וועט האבן א קינד. דער רמב"ן אויפ'ן ארט געט צו פארשטיין אז אפילו די ברכה פון שרה איז געווען אן אומלאגישע ברכה, זי איז שוין געווען א הונדערט יעריגע, דאך איז געווען אויף איר א טענה, אז זי וואלט ווען געדארפט ענטפערן אמן.

האט דער גאון אויסגעפירט אז די זעלבע זאך איז אויך דא, אז אפילו אז ער איז שוין אזוי אלט און עס איז אומרעאליש אז ער זאל נאך דערלעבן די חתונה פון זיין אייניקל, דאך דארף מען ענטפערן אמן.

ער האט אויסגעפירט אז פון דעם דערמאנטן רמב"ן קען מען זיך אויסלערנען הלכה למעשה, אז אויב א איד וואס גייט נאך געלט קלאפט אין טיר און נאך דעם וואס מען גיט אים א נתינה און ער גיט צוריק א מאדנע ברכה, אויף א זאך וואס קען נישט זיין, זאל מען ענטפערן אמן, ווייל אויב מען וועט נישט ענטפערן אמן אויף די ברכה, קען זיך דורך דעם דערוועקן א קפידא אויפ'ן מענטש, ווייל מיר ווייסן דאך, היפלא מה' דבר.

(קונטרס 'מאן מלכי רבנן' [נדפס בראש שו"ת 'אגרות משה' ח"ח] עמ' 34)

## געב מיר א גרינגערע אויפגאבע

עס דערציילט איינער פון די תלמידים פון רבי משה פיינשטיין זצ"ל: אין שבת, זוכנדיג אז מיין קינד זאל זיך צופלייסן צו קוקן אויף דעם גאון ווי אזוי ער דאווענט און ווי אזוי ער פירט זיך, אז ער זאל זיך קענען אפלערנען פון אים, האב איך געזאגט פאר'ן קינד אז ער זאל קוקן ווי אזוי ער דאווענט און אים צוגעזאגט אז איך וועל אים געבן א זיסווארג אויב ער כאפט דעם גאון פארפעלן אן אמן ביים דאווענען. נאכ'ן דאווענען בעט מיר מיין קינד, נעקסטער מאל געב מיר א גרינגערע אויפגאבע....

('דרכי משה' כי תבא)

## די וויכטיגקייט פון דער 'אמן' נאך ברכת כהנים

אין ירושלמי [ברכות ה.ד] ווערט אויסגעשמועסט אז אין שטאט וואו עס איז נאר דא כהנים און אלע זענען עולה לדוכן ווער וועט נאך ענטפערן אמן נאך די ברכה? זאגט דער ירושלמי אז די פרויען און די קינדער ענטפערן אמן נאך די כהנים.

די הלכה וואס ווערט געברענגט אין ירושלמי איז און עס ווערט גע'פסק'נט אזוי אין רמב"ם און אין שלחן ערוך או"ח [קכח כה].

פון די הלכה לערנט דער אגרות משה ארויס אז דער ענטפערן אמן נאך ברכת כהנים איז מן התורה און איז מעכב די ברכה, אזוי ווי מיר טרעפן ביי די מעמד הברכה והקללה אין הר גריזים און אין הר עיבל, אז עס איז געווען לעיכובא און פירט אויס וועגן דעם אז אויב עס איז נישט דא ווער ס'זאל ענטפערן אמן זאלן די כהנים נישט ארויפגיין דוכ'נען.

ער נעמט אויך אן להלכה אז ווער עס איז אין שול ביי ברכת כהנים און ער ענטפערט נישט אמן, אויב ער האט געהאט די ברירה צו ענטפערן אמן, איז ער נישט בכלל די ברכה און אז אלע אין שול ענטפערן נישט אמן איז עס מעכב די ברכה, ווייל עס ווערט געזאגט אן דעם וואס איינער זאל ענטפערן נאך אים.

('אגרות משה' או"ח ח"ב סי' לא)

איינער פון די תלמידים פון רבי משה דערציילט אז עס איז אים אמאל אויסגעקומען צו שטיין נעבן רבי משה ביי ברכת כהנים און ער האט מעיד געווען אז ביי יעדער אמן פון רבי משה האט ער זיך עקסטער מתרגש געווען, עס איז געזאגט געווארן מיט א דחילו ורחימו און מיט א קול פול מיט רגש.

('דרכי משה' נשא)